בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא

תשפ"ה

386

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וֶוען הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט הֶערְן הַאטְלֵיינְס?............................א
אִיז טַאקֶע טֶערָאפִּי דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע לֶעזוּנְג?............................ד
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ בַּאהֶערְשְׁן פוּן כַּעַס?............................ז
זָאל אִיךְ שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן לֵייגְן רַבֵּינוּ תָּם תְּפִלִּין?............................ט
וָואס מֵיינְט דִי חָלוֹם אַז צֵיינֶער פַאלְן אַרוֹיס?............................י
ווּאוּ הוֹיבְּט מֶען אָן אַרֵיינְצוּגֵיין אִין בְּרֶסְלֶב?............................יא
ווייל אִיךְ בִּין וואוֹיל, בַּאקוּם אִיךְ נִישְׁט דִי גוּטֶע זַאכְן?............................יג


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


שְׁכַח בַּאשֶׁעפֶּער אַז אִיךְ הָאבּ צִיצִית............................א
שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער וֶועט זַיין אַז דוּ וֶועסְט הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת............................ג
שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען, שְׁטַארְקֶע כֹּחַ, שְׁטַארְקֶע לוּנְגֶען, גֶעזוּנְטֶע הַארְץ............................ד
אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען קַבָּלָה?............................ה
דַיין שְׁוֶוער אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן מִיט דִיר............................ז
עֶס אִיז ווִיכְטִיג צוּ פְרֶעגְן אַלֶע סְפֵיקוֹת............................ז
דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז אֵיידְלְקֵייט אוּן בַּאשֵׁיידְנְקֵייט............................ח
זָאגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער וֶוען עֶס קוּמְט זִיךְ נִישְׁט?............................ט
טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר אֲשֶׁר בַּנַחַל, פַאר צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע יְשׁוּעוֹת............................י

עֶנְדִיגְן דֶעם אַלְבּוֹם, "וָואס מֵיינְט אַ רֶבִּי?" ............ יא

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ............ יא

לוֹיף נִישְׁט אַוֶועק אוֹיף פֶּסַח ............ יב

גֵיי צוּ דַיין שְׁוֶוער אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג פֶּסַח ............ יג

אַ סוֹד וָואס צוּ טוּן וֶוען מֶען הָאט מֶער נִישְׁט כֹּחַ ............ יד

נֶעם צַאם צְדָקָה מִיר זָאלְן קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע ............ טו

מִיטְזִינְגֶען דֶעם זֶעלְבְּן נִיגוּן וָואס מֶען זִינְגְט אִין דִי מוֹסָד ............ טז

דִי זְכוּת צוּ דְרוּקְן דִי דְרִיטֶע חֵלֶק אֲשֶׁר בַּנַחַל ............ יז

אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג אוּן וָואכְן מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם ............ יח

בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע לְכָבוֹד יוֹם טוֹב ............ יט

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, כַּשֶׁר מַיין הַארְץ, כַּשֶׁר מַיין מֹחַ ............ כ

זָאג דִי תְּפִלָּה אַלֶע טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן בִּיז פֶּסַח ............ כא

זֶע אַז פֶּסַח זָאל בְּלַייבְּן בַּיי דִי קִינְדֶער מִיט אַ גוּטֶע טַעַם ............ כג

דִי מִנְהָגִים פוּן שַׁבָּת עֶרֶב פֶּסַח ............ כד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## װען האָב איך אױפְגֶעהֶערְט הֶערְן הַאטְלֵיינְס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שוֹין זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט װָאס אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל זִיךְ אָפְּגֶעװוֹאוֹינֶען פוּן הֶערְן אַ גַאנְצְן טָאג הַאטְלֵיינְס, אִיךְ הָאב שוֹין אַפָּאר מָאל אױפְגֶעהֶערְט אָבֶּער נָאר פַאר אַ שְׁטִיק צַייט.

זֶעקְס װָאכְן צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַ בְּרִיװ [דֶער בְּרִיװ אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיװ], פַאר אֵיינֶעם װָאס הֶערְט נִישְׁט אוֹיס הַאטְלֵיינְס פַאר אַכְצִיג טֶעג, דֶער בְּרִיװ אִיז גֶעװֶוען דִי מַכָּה בְּפַטִּישׁ, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט אַז אִיךְ בִּין פַארְטִיג מִיט דִי אַלֶע הַאטְלֵיינְס.

זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶערוּפְן קַיין שוּם הַאטְלַיין, נִישְׁט נֵייעֶס, נִישְׁט קַיין בַּדְחָנִים, דְרָשׁוֹת, פַּאדְקֶעסְטְס, גָארְנִישְׁט. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ װָאס אִיךְ הֶער אִיז קוֹל בְּרֶסְלֶב. יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן מִיךְ אױפְלֶעבְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

אַזוֹי שֵׁיין צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה, װִי מֶען װֶוערְט גֶעהָאלְפְן דוּרְךְ תְּפִלָּה, אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג, אַ װָאךְ נָאךְ אַ

וָואךְ, מִיט סַבְלָנוּת, מֶען בֶּעט אִים אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, אוֹיף תְּמִימוּת, אוֹיף זַיין עֶרְלִיךְ - זֶעט מֶען אַ יְשׁוּעָה.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מֶען קֶען בֶּעטְן אוֹיף טֶעכְנִישֶׁע זַאכְן, ווִי הָאבְּן אַ הוֹיז, אַ קַאר, אַן אַרְבֶּעט וְכוּ', און מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה 'אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן אוֹיף אַ קַאר און אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאקוּמֶען', 'אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן אוֹיף אַ הוֹיז, אוֹיף אַ מָארְגֶעדְזְשׁ און בַּאקוּמֶען', אָבֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף הַארְץ און גֶעפִיל, אוֹיף זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע מֹחַ, אַ רֵיינֶע הַארְץ, אַ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה - דָאס בֶּעט מֶען נִישְׁט, אָדֶער ווַייל מֶען ווֵייסְט נִישְׁט אַז מֶען קֶען בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, אָדֶער ווַייל מֶען אִיז מְיוּאָשׁ דֶערְפוּן, ווַייל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי זַאכְן דַארְף מֶען אַסַאךְ אַסַאךְ בֶּעטְן, און מֶען הָאט ווֵיינִיג סַבְלָנוּת.

זֵייעֶר גוּט אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶע סָארְט לֵיצָנוּת, ווַייל דָאס שְׁטֶערְט פוּן ווֶערְן עֶרְלִיךְ, דָאס שְׁטֶערְט פוּן בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּינְ'ס חֵדֶר. נָאר דִי תְּמִימוּת'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן - דִי בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן, דִי ווָאס הָאבְּן מִיט לֵיצָנוּת - דִי גֵייעֶן אַלֶע אַווֶעק בַּיים סוֹף, ווַייל צוּ קֶענֶען נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת דַארְף מֶען זַיין רֵיין פוּן לֵיצָנוּת.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן זָאגְן ווֶערְטְלֶעךְ. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמֶער אִיז אַמָאל גֶעווֶען אַ שַׁבָּת אִין שִׁיקַאגוֹ, אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען שָׁלוֹם גֶעבְּן פַארְן רֶבִּי'ן. אֵיינֶער, אַ אִיד - זָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן: "אִיךְ בִּין נָאךְ גֶעווֶען בַּיי אַייעֶר טַאטֶע דֶער קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ", דֶער רֶבִּי קוּקְט אוֹיף אִים און עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְמַאנֶען ווֶער דָאס אִיז, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער אִיד: "אִיךְ בִּין גֶעווֶען יֶענֶעם יָאר יוֹם הַקָּדוֹשׁ ווֶען דֶער טַאטֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען עֶפֶּעס טוֹעֵם זַיין פַאר תְּפִלַּת נְעִילָה", דֶעמָאלְט אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס פָּנִים ווַייס גֶעוָוארְן, און עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "יֶעצְט ווֵייס אִיךְ פַארְוָואס אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען קַיין שִׁיקַאגוֹ, ווַייל ווֶען אִיךְ בִּין גֶעווֶען אַ יוּנְג קִינְד פוּן פִינְף יָאר און מַיין טַאטֶע דֶער קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען פַאר אַפָּאר מִינוּט אִין זַיין צִימֶער פַאר תְּפִלַּת נְעִילָה, הָאט מִיר אַ אִיד גֶעפְרֶעגְט 'וָואס טוּט דֶער

טַאטֶע אִין צִימֶער?׳ הָאב אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר אַ וֶוערְטְל ׳עֶר עֶסְט אַבִּיסְל׳, און אַלֶע מַיינֶע יָארְן הָאבּ אִיךְ חֲרָטָה גֶעהַאט פַארְן אַרוֹיסְזָאגְן אַזַא וֶוערְטְל, אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, און יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט טְרֶעפְן דֶעם אִיד וָואס שׁוֹין יָארְן וָואס עֶר מֵיינְט אַז דֶער טַאטֶע הָאט גֶעגֶעסְן יוֹם הַקָּדוֹשׁ״.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אַנְטְלוֹיף פוּן לֵצִים, הָאבּ נִישְׁט מִיט לֵצִים. מֵיין נִישְׁט אַז יֶעדֶער וָואס פַארְרוּפְט זִיךְ בְּרֶסְלֶב אִיז רֵיין פוּן לֵיצָנוּת, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, רֵיין פוּן לֵיצָנוּת, רֵיין פוּן לָשׁוֹן הָרָע, רֵיין פוּן רְכִילוּת, רֵיין פוּן זוּכְן שְׁלֶעכְטְס בַּיי אַנְדֶערֶע, רֵיין פוּן זֶען חֶסְרוֹנוֹת בַּיי אַנְדֶערֶע, רֵיין פוּן הַאלְטְן זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן אַנְדֶערֶע, רֵיין פוּן הַנָאָה הָאבְּן פוּן אַ צְוֵוייטְנְ׳ס דוּרְכְפַאל וְכוּ׳ וְכוּ׳.

גֵיי יֶעדְן טָאג אִין פֶעלְד און בֶּעט אוֹיף דֶעם, אוֹיף תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶוען וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לִיבּ הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן, לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אִיד, זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אַנְדֶערֶע, זֶען דָאס הֵיילִיגְקֵייט פוּן אַ אִיד? וָואס אִיז מִיט מִיר אַז אִיךְ לַאךְ פוּן אַנְדֶערֶע, אִיךְ קוּק מִיט שְׁפָּאט אוֹיף אַנְדֶערֶע, אִיךְ גְרוֹיס זִיךְ אוֹיף אַנְדֶערֶע, וֶוען וֶועל אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן? אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹיפִיל וָואס צוּ פַארְרֶעכְטְן, אִיז וִוי קֶען אִיךְ זַיין טָאג און נַאכְט פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע? בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין מְתַקֵּן זַיין אִין מַיין לֶעבְּן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף מְתַקֵּן זַיין״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**שׁוֹין אַכְצִיג טֶעג נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט דִי נֵייעֶס**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ו׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִיר אַז דוּ הַאלְטְסְט שׁוֹין אָן דַיין גוּטֶע

קַבָּלָה נִישְׁט אוֹיסְצוּהֶערְן דִי נַייעֶס (דִי אִידִישֶׁע נַייעֶס הָאט לֵיין), שׁוֹין אַכְצִיג טֶעג אִין אֵיין צִי׳, נָאכְן זַיין אַזוֹי פַּאר׳כִּישׁוּפְ׳ט אִין דֶעם, דוּ פְלֶעגְסְט זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דֶעם, עֶס רוּפְן הוּנְדֶערְטֶער מָאל אַ טָאג, אוּן יֶעצְט בִּיסְטוּ אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ.

ווארויל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ נִיצְט אוֹיס דַיין צַייט פַאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן הֶעלְפְן אוֹיסְפִירְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ, בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִיךְ הָאף צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שְׁלִיחַ, צוּ זַיין דַיין שַׁדְכָן, מִיט אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אוּן דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאר שְׁטַארְק זִיךְ, פַארְפֶעל נִישְׁט אַ טָאג אָן לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, הֲלָכָה אוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים. מַה טוֹב וּמַה נָּעִים אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן זִיבְן דַפִּים גְמָרָא, דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אוּן אַבִּיסְל הֲלָכָה, קִיצּוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה.

שְׁרַייבּ מִיר יֶעדֶע וָואךְ אַ בְּרִיוו, אִיךְ ווִיל זַיין מִיט דִיר צוּגֶעבִּינְדְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

[...

## אִיז טַאקֶע טֶערָאפִּי דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע לֶעזוּנְג?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע חִיזוּק פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס לַייכְט אוֹיף אוּנְזֶער לֶעבְן.

קוֹים וָואס אִיךְ קֶען קוּמֶען צוּם וָוארְט, אִיךְ בִּין דֶערְצִיטֶערְט אוּן צֶעשׁוֹידֶערְט אִיבֶּער דִי אַנְטְוויקְלוּנְגֶען וָואס שְׁפִּילְן זִיךְ אָפּ פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן דִי לֶעצְטֶע צַייט מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדִיעֶס אִין כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

מֶען זָאגְט אַז דִי רַבָּנִים וָואס מַאכְן אַוֶועק טֶערָאפִּי הָאבְן אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, ווַייל צוּלִיבּ זֵיי גֵייט מֶען נִישְׁט צוּ טֶערָאפִּי, אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוּלְדִיג אוֹיף דִי הוֹיכֶע רַאטֶע פוּן

זֶעלְבְּסְטְמָארְד רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוֹיךְ הָאט זִיךְ לֶעצְטְנְס גֶעעֶפֶענְט אַן אָרְגַאנִיזַאצְיֶע וָואס זֵייעֶר מָאטִיוו אִיז אַז יֶעדֶער וָואס שְׁפִּירְט אַז עֶר גֵייט דוּרְךְ אַ שְׁוֶועריקֵייט אוּן זוּכְט גֵייסְטִישֶׁע הִילְף קֶען זִיךְ צוּ זֵיי מֶעלְדְן.

אִיךְ צִיטֶער אַז דָאס גֵייט וֶוערְן דִי נֵייעֶ נָארְמַאל, יֶעדֶער וָואס דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶר הָאט אַ שְׁוֶועריקֵייט גֵייט זִיךְ וֶוענְדְן צוּ טֶערָאפִּיסְטְן, עֶס עֶקְזִיסְטִירְט מֶער נִישְׁט קֵיין טַאטֶע, מַאמֶע, רָב, דַּיָּן, רֶבִּי, חֲבֵרִים, אַלֶעס וֶועט וֶוערְן טֶערָאפִּיסְט, טֶערָאפִּיסְט. נִישְׁטָא קֵיין תּוֹרָה, קֵיין בַּאשֶׁעפֶער, קֵיין חִיזּוּק סְפָרִים, הִימְל אוּן עֶרְד אוּן טֶערָאפִּי. יֶעדֶע רִיר פוּן אַ אִיד וֶועט וֶוערְן דִיקְטִירְט דוּרְךְ פְּשׁוּטְ'עֶ אִידִישֶׁע אָדֶער גוֹי'אִישֶׁע טֶערָאפִּיסְטְן, שֶׁלֹּא קָרָא וְלֹא שָׁנָה; גֶעוואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְז? מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער? מִיט אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת? עֶס אִיז אוֹיס וֶועלְט, אֶפְשָׁר דָאס הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעמֵיינְט מִיטְ'ן יֵיתֵי וְלֹא אַחֲמִינֵיה?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען בַּארוּאִיגְן אַבִּיסְל, אוּן וַוייזְן אַבִּיסְל לִיכְטִיגְקֵייט אִין דֶעם פִינְסְטֶערֶע מַצָּב.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז עֶס בַּאדֶערְט דִיר דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּנֶעם דוֹר, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן וָואס גֵייט פָאר - זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דֶעם רֶבִּי'נְס שֵׂכֶל - פַאר דִי וֶועלְט. וַוייל דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דִי עֵצָה צוּ קֶענֶען אַרִיבֶּערְטְרָאגְן שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע פַּיין. וַוייל אַ מֶענְטְשׁ מִיט אֱמוּנָה - אִיז אִים לַייכְט אַרִיבֶּער צוּ גֵיין זַיינֶע יְסוּרִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קצד): "אַחַר כָּל הַיִּסּוּרִים, אַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵטִיב עִמָּנוּ", נָאךְ אַלֶע יְסוּרִים וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ - גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן, "רַק שֶׁאֵין אָנוּ רוֹצִים לְהַקְטִין אֶת הַיִּסּוּרִים", נָאר דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס וִויל זִיךְ נִישְׁט גְרִינְגֶער מַאכְן מִיטְן אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים. אֲפִילוּ מֶען גֵייט

אַרִיבֶּער בֶּאֱמֶת שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יְסוּרִים, "אֲבָל נֶגֶד דְּבֵקוּת אֶחָד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַה שֶּׁזּוֹכִין לְאֵיזֶה בְּחִינָה שֶׁל דְּבֵקוּת בְּמַחֲשָׁבָה אוֹ בִּבְחִינָה אַחֶרֶת", אָבֶּער וָוען דֶער מֶענְטְש ווערְט נֶענְטֶער דוּרְכְדֶעם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - "כָּל הַיִּסּוּרִים אֵינָם כְּלוּם נֶגֶד זֶה", אִיז אַלֶע יְסוּרִים גָארְנִישְׁט אַנְטְקֶעגְן דֶעם, "וְעַל יָדָם בְּעַצְמָם מִתְקָרְבִים וּמִתְדַּבְּקִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", וַוייל דוּרְכְדֶעם ווערְט אַ מֶענְטְש נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "כִּי נוֹטְלִין מִמֶּנִּי הַבְּרִיאוּת גּוּפִי, מִי נוֹטֵל מִמֶּנִּי הַבְּרִיאוּת, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אִם כֵּן אֲנִי נִדְבָּק בּוֹ יִתְבָּרַךְ", מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין 'וֶוער מַאכְט מִיר דִי אַלֶע וֵוייטָאג? וֶוער נֶעמְט מִיר אַוֶועק מַיין גֶעזוּנְט? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין בְּרֶענְגְט מִיר דָאךְ דִי יְסוּרִים', אוֹיבּ אַזוֹי וֶוער אִיךְ נֶענְטֶער צוּ אִים. "וְכֵן כְּשֶׁלּוֹקֵחַ חַס וְשָׁלוֹם, אֵיזֶה בֵּן. מִי לוֹקֵחַ? הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ! אִם כֵּן אַדְּרַבָּא עַתָּה הוּא סָמוּךְ יוֹתֵר אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בָּעוֹלָם הַבָּא סְמוּכִין יוֹתֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען פַארְלִירְט אַ קִינְד אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין 'וֶוער הָאט דָאס מִיר אַוֶועק גֶענוּמֶען? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער', אוֹיבּ אַזוֹי וֶוער אִיךְ דָאךְ נֶענְטֶער צוּ אִים, עַיֵּין שָׁם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן, אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט - הָאט עֶר גֶעקְרֶעכְצְט: "אוֹי וֵויי... אוֹי וֵויי... אַזוֹיפִיל טְרֵיף אוּן פָּסוּל פַארְמֶערְט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס וֶועט דָא זַיין?" רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אֵיין בְּלֶעטְל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן"; דָאס אִיז דִי עֵצָה פַארְן דוֹר, דֶער רֶבִּי מַאכְט אוּנְז פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - וֶוערְט מֶען בַּאפְרֵייט פוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע יְסוּרִים. וַוייל אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן - נֶעמְט זִיךְ פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; עַצְבוּת פַארְמַאכְט דֶעם מֹחַ מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ אוּן זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן", וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית; זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב

הַדַּעַת און צו אַ קְלָארֶע מֹחַ, צו וויסְן וָואס מֶען הָאט צוטון אויף דִי וֶועלְט?
"אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּטֶע זַאכְן, מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּט, מֶען טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט נָאר שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, "רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", אָבֶּער אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - דֶעמָאלְט קֶען מֶען בֵּייגְן דִי מַחֲשָׁבוֹת צוּ טְרַאכְטְן גוּט, "כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלַם הַחֵרוּת", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה אִיז עֶר אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ און דֶער מֹחַ אִיז אִים נִישְׁט מְצוּמְצָם, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", מִיט שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס, "שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן חוֹרִין, וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת", וַוייל אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיי, פְרֵיי פוּן אַלֶע פַארְמַאכְטְקֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ בַּאהֶערְשְׁן פוּן כַּעַס?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס טוּט מִיר ווֵיי אַז אִיךְ רֶעג זִיךְ אוֹיף אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ וויל זֵייעֶר שְׁטַארְק זַיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ'דִיג צוּ מַיין טַאטֶע מַאמֶע, אָבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל טְרֶעף אִיךְ זִיךְ בְּלָאזְן און שְׁרֵייעֶן, אוֹיךְ וֶוער אִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף מַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער און אִיךְ קֶען אֲפִילוּ צוּמָאל שְׁלָאגְן, אָבֶּער נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק חֲרָטָה פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁלָאגְן מַיין טַייעֶרֶע בְּרוּדֶער אָדֶער שְׁוֶועסְטֶער, פַארְוָואס אִיךְ הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מַיין טַייעֶרֶע מַאמֶע.

אִיךְ גֵיי אִין בֶּעט און אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מוֹחֵל זַיין, אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, וַוייל אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער פַּאסִירְט נָאכְאַמָאל דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ; אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאהֶערְשְׁן אוֹיף כַּעַס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ו אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זָאגְט דִי שֵׁיינֶע תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדְן טָאג, וֶועט אִיר וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן כַּעַס.

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן כַּעַס אוּן פוּן זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן, הִיט מִיךְ אוּן רַאטֶעוֶוע מִיךְ אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן מֶער בְּכַעַס אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוֹיף מַיינֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ זָאל מְכַבֵּד זַיין מַיין טַאטֶע אוּן מַיין מַאמֶע, אוּן זֵיי קֵיינְמָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁלָאגְן.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הִיט מִיךְ פוּן אַרַיינְפַאלְן אִין אַ כַּעַס חַס וְשָׁלוֹם, אוּן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל יָא בַּאקוּמֶען אַ כַּעַס זָאל אִיךְ נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַכְזָרִיּוּת, אִיךְ זָאל דָאס שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג קֶענֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוֹיף רַחְמָנוּת, אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט שְׁלָאגְן אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט אִין מִיר, מִיט מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, אוּן אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּן דִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט קֵיינֶעם בַּאשׁוּלְדִיגְן, אוּן אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוֹיף מַיינֶע עֶלְטֶערְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דוּ וֵוייסְט וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז מִיר פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס, אוּן וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז מִיר אוֹיסְצוּרַייסְן דִי אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע גִיסְטֶע וָואס כַאפְּט מִיךְ אָן, וַוייל וֶוען עֶס הוֹיבְּט אָן בְּרֶענֶען אִין מִיר חַס וְשָׁלוֹם דִי כַּעַס - פַארְלִיר אִיךְ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק, אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ וִוי אַ מֶענְטְשׁ אָן שֵׂכֶל אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ דֶעמָאלְט נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הִיט מִיךְ, רַאטֶעוֶוע מִיךְ אוּן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן אוּן אוֹיסְרַייסְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס. אִיךְ זָאל זַיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם גוּט, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעדוּלְד

**צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן קֶענֶען לַיידְן יֶעדְן אֵיינֶעם, פוּן יֶעצְט בִּיז אֵייבִּיג, אָמֵן סֶלָה".**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## זָאל אִיךְ שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן לֵייגְן רַבֵּינוּ תַּם תְּפִלִּין?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְהוֹיבְּן לֵייגְן רַבֵּינוּ תַּם תְּפִלִּין, אָבֶּער דֶערְוַוייל זֶע אִיךְ זִיךְ נִישְׁט מִיט אִיבְּרִיגֶע פִינְף טוֹיזְנְט שֶׁקֶל; אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג גֵיין נָאךְ צְדָקָה פַאר דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ה אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי זָאלְסְטוּ שׁוֹין לוֹיפְן צוּם סוֹפֵר אוּן קוֹיפְן תְּפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תַּם אוֹיף בָּארְג, עֶס זֶענֶען דָא פּוֹסְקִים וָואס זָאגְן אַז אוֹיבּ מֶען לֵייגְט נִישְׁט רַבֵּינוּ תַּם תְּפִלִּין, אִיז מֶען אַ קַרְקַפְתָּא דְּלָא מָנַח תְּפִילִּין; קַיין אֵיין טָאג זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְפַּאסְן אָנְצוּטוּן דִי הֵיילִיגֶע צְוֵויי פָּאר תְּפִלִּין.**

**בָּארְג גֶעלְט אוּן קוֹיף זִיךְ שׁוֹין הַיינְט רַבֵּינוּ תַּם תְּפִילִין, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט הָאבְּן אוֹיף הַיינְט - זָאלְסְטוּ בָּארְגְן פוּן אַ מִתְפַּלֵל אִין שׁוּל רַבֵּינוּ תַּם תְּפִילִין. וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל אָנְטוּן פוּן דִי בַּר מִצְוָה יֶעדְן טָאג בֵּיידֶע פָּאר תְּפִלִּין, רַשִׁ"י אוּן רַבֵּינוּ תַּם, אוּן מוֹהֲרַנַ"ת זָאגְט** (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִלִּין הֲלָכָה ה, אוֹת כח)**: "וְעַל כֵּן כָּל מִי שֶׁרוֹצֶה לְקָרֵב אֶת עַצְמוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכוּ' צָרִיךְ לְהָנִיחַ תְּפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תַּם כְּמוֹ שֶׁהִזְהִיר רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֶת אֲנָשָׁיו לְהָנִיחַ תְּפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תַּם", וֶוער עֶס וִויל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

זָאל מַקְפִּיד זַיין אָנְצוּטוּן תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם, אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַזְהִיר גֶעוֶועזְן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן; אוּן קוּק אַרַיין אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס עֶר שְׁרַייבְּט וַוייטֶער, מוֹרָא׳דִיגֶע וֶוערְטֶער (שָׁם, אוֹת כט): "וְעַל כֵּן עַכְשָׁיו בְּעִקְּבוֹת מְשִׁיחָא בְּסוֹף הַגָּלוּת צְרִיכִים לִזָּהֵר מְאֹד לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם כְּמוֹ שֶׁהִזְהִירוּ כָּל הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים שֶׁהָיוּ בְּיָמֵינוּ", אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג וָואס מֶען הַאלְט שׁוֹין מַמָּשׁ בַּיי דִי גְאוּלָה, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין אָט אָט אַרוֹיס פוּן גָלוּת, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אָנְצוּטוּן תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם, אַזוֹי ווי אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶועזְן, "כִּי עַכְשָׁיו הִתְגַּבֵּר הַבַּעַל דָּבָר מְאֹד מְאֹד מֵחֲמַת שֶׁרוֹאֶה שֶׁקָּרוֹב לָבֹא קִצּוֹ", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ זֵייעֶר מִתְגַּבֵּר זֶעעֶנְדִיג ווי זַיין סוֹף קוּמְט שׁוֹין, דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר הָאבְּן בֵּיידֶע פָּאר תְּפִילִין זִיךְ צוּ קֶענֶען קְרִיגְן מִיט אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס מֵיינְט דִי חָלוֹם אַז צֵיינֶער פַאלְן אַרוֹיס?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס מֵיינְט דִי חָלוֹם אַז אַלֶע מַיינֶע צֵיין פַאלְן אַרוֹיס? עֶס אִיז נִישְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ דִי סָארְט חָלוֹם, אוּן אִיךְ גֶעדֶענְקְט אַז עֶס מֵיינְט עֶפֶּעס, אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חָלוֹם, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר דַארְפְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דֶער חָלוֹם, אַזַא מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט בַּיים רֶבִּי׳ן. אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט זִיךְ גֶע׳חָלוֹמְ׳ט אַזַא חָלוֹם

וָואס אִיר הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט, אַז אַלֶע צֵיינֶער זֶענֶען אִים אַרוֹיסְגֶעפַאלְן; עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט מוֹרָא, וַוייל צֵיינֶער אִיז מְרַמֵּז אוֹיף חָכְמָה, יֶעצְט וַוייזְט מֶען אִים פוּן הִימְל אַז עֶר גֵייט פַארְלִירְן זַיינֶע חָכְמוֹת, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תנז): "אַדְּרַבָּה הַשְּׁטוּת שֶׁלְּךָ יִתְבַּטֵּל", דַיינֶע שְׁטוּתִים זֶענֶען דִיר אַוֶועקְגֶעפַאלְן, פוּן יֶעצְט וֶועסְטוּ מֶער נִישְׁט הָאבְּן דִי נַארִישֶׁע זַאכְן.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶועט זַיין בַּיי אַייךְ, פוּן יֶעצְט וֶועט אִיר מֶער נִישְׁט הָאבְּן דִי אַלֶע נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת, נָאר זַיין אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר טְרַאכְטְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וואוּ הוֹיבְּט מֶען אָן אַרַיינְצוּגֵיין אִין בְּרֶסְלֶב?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין תַּלְמִיד פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַסַאךְ קוֹנֶה גֶעוֶוען פוּן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דִי נוֹשֵׂא פוּן בְּרֶסְלֶב; זַייעֶנְדִיג אַ סַאטְמַארֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס זוֹכְט אַ רֶבִּי, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעטְרַאכְט אַרַיינְצוּקוּקְן אִין בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער וואוּ הוֹיבּ אִיךְ אָן אוּן וואוּ עֶנְדִיג אִיךְ?

אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט אַ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קַיין אֵיין וָוארְט, מַיין שְׁאֵלָה אִיז וואוּ קֶען אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ הַקְדָּמָה צוּ בְּרֶסְלֶב, צוּ זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס דָארְט לִיגְט בַּאהַאלְטְן? אִין וֶועלְכֶע סֵפֶר אָנְצוּהוֹיבְּן אוּן אִין וֶועלְכֶע צוּ עֶנְדִיגְן? וָואס אִיז דֶער מְהַלֵּךְ אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים? אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ בַּאלֶעק זִיךְ דִי פִינְגֶער צוּ הֶערְן פוּן אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט מוֹרָא צוּ זָאגְן דֶעם אֱמֶת.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הוֹיבּ אָן מִיט לֶערְנֶען דִי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן אִין סֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, (הוֹיבּ אָן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, דָאס וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער אִין אָנְהוֹיבּ). רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ מֶער אַרוֹיס גֶעהַאט דֶעם רֶבִּי'ן פוּן זַיינֶע שִׂיחוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן"; דָאס וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, דִי קְלֶענֶערֶע תּוֹרוֹת, וָואס אִיז גְרִינְגֶער אִין אָנְהוֹיבּ צוּ פַארְשְׁטֵיין. אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'ער בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ, וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: 'סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען'", אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶּענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אִין אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ אֶפְשָׁר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע זַאךְ, זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן בַּיים סוֹף - נָאךְ אַפָּאר מָאל אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

בְּרֶסְלֶב אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין סְתִּירָה מִיט דִי שִׁיטָה פוּן סַאטְמֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמֶער בְּרֶענְגְט אִין זַיין הֵיילִיגֶע סֵפֶר וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה (מַאֲמָר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ), אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פָּארְאוֹיס גֶעזֶען בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג, עִיקְבָא דִּמְשִׁיחָא, אוּן אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן דִי נִסְיוֹנוֹת אִיז גֵיין מִיט דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה אָן קַיין שׁוּם פְּשָׁרוֹת, בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווייל אִיךְ בִּין וואוֹיל, בַּאקוּם אִיךְ נִישְׁט דִי גוּטֶע זַאכְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶפֶּעס וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ. פַארְוָואס מֵיידְלֶעךְ פוּן מַיין קְלַאס וָואס זֶענֶען נִישְׁט וואוֹיל, בַּאקוּמֶען אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פוּן דִי לֶערֶערִין? זֵיי בַּאקוּמֶען דִי גוּטֶע זַאכְן, ווייל דִי לֶערֶערִין וויל אַז זֵיי זָאלְן זַיין וואוֹיל. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דִי לֶערֶערִין מוּז הָאבְּן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס מַאכְן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אָבֶּער פַארְוָואס אִיךְ, וָואס אִיךְ בִּין זֵייעֶר וואוֹיל אִין קְלַאס, פַארְוָואס דַארְף אִיךְ לַיידְן אוּן נִישְׁט בַּאקוּמֶען דָאס וָואס דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף גוּט בַּאקוּמֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען אַ קִינְד שְׁפִּירְט נִישְׁט גוּט, מֶען נֶעמְט אִים צוּם דָאקְטֶער אוּן דֶער דָאקְטֶער גֶעבְּט אַ מַתָּנָה - ווִילְן דִי גֶעשְׁווִיסְטֶער אוֹיךְ מַתָּנוֹת, אוּן דִי עֶלְטֶערְן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז 'אוּנְזֶער מַתָּנָה אִיז, אַז מִיר שְׁפִּירְן זִיךְ גוּט, מִיר זֶענֶען

גֶעזוּנְט׳, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זֶענְט אַ גוּט קִינְד און אַ צוּפְרִידֶענֶע נַאטוּר, דָאס אִיז מֶער פוּן מַתָּנוֹת און מֶער פוּן אַלֶעס, וַוייל דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן - דִי לַיידְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, דִי גֵייעֶן אַרוּם מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין, דֶערְפַאר וֶועלְן עֶלְטֶערְן און לֶערֶערִינְס גֶעבְּן מֶער אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט און מַתָּנוֹת וְכוּ׳ פַאר דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ, וַוייל דִי קִינְדֶער לַיידְן פוּן זִיךְ.

אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר לַיידְט וְכוּ׳; עֶס אִיז גָאר גֶעשְׁמַאק וֶוען מֶען בַּאקוּמְט פוּן אַ מַאמֶע, פוּן אַ טִיטְשֶׁער און פוּן אַנְדֶערֶע - אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, וַוארֶעמְקֵייט און לִיבְשַׁאפְט, אַלֶע ווילְן דָאס, אָבֶער אַז מֶען בַּאקוּמְט נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט אַזוֹי ווי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וְכוּ׳ דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען לַיידְט, אָפְּהִיטְן זָאל אַייךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן פוּן קַיין פַּיין און פוּן לַיידְן, דִי נִישְׁט צוּפְרִידֶענֶע, דִי וָואס רֶעדְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אָפּ - דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דִי זֶעל אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**שְׁכֹּחַ בַּאשֶׁעפֶּער אַז אִיךְ הָאבּ צִיצִית**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס דַיין זְכוּת אִיז, יֶעצְט הָאט מִיר אַ מֵפִיץ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֶעשִׁיקְט אַ הוֹדָעָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ שׁוּל לֵייגְן דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן אַ אִיד הָאט אִים גֶעזָאגְט מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן: ״זָאלְסְט וִויסְן אַז דִי קוּנְטְרֵסִים הָאבְּן מִיר גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוְוּיסְט וָואס אַ וַוייבּ אִיז, וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ אִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוְוּיסְט וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער״, בְּקִיצוּר עֶר הָאט מַמָּשׁ בַּאדַאנְקְט דָאס לֶעבְּן; זָאלְסְטוּ וַוייטֶער אָנְגֵיין אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן קֵיינֶעם.

דִי וָואךְ מַאךְ פַאר דִי קִינְדֶער אַ מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פוּן דֶער ווִילְנֶער גָאוֹן, וִוי עֶר וֵויינְט מִיט זַיינֶע צִיצִית אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְקוּת. דִי מְלַמְדִים הָאבְּן מִיר גֶעבֶּעטְן זֵיי ווִילְן הָאבְּן מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פוּן צִיצִית, פֵּיאוֹת, אוּן קַאפְּל, אַזוֹי קֶענֶען זֵיי דָאס לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען קֶען דָאס גֶעבְּן צוּ מַאלֶעוֶוען, עֶס זָאל אַיינְגֶעקְרִיצְט וֶוערְן אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער.

גֶעבּ אַ קוּק, דֶער רֶבִּי וֵויינְט, וָואס קֶען דָאס זַיין? דֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא פוּן שְׁטַארְבְּן? נֵיין דָאס קֶען נִישְׁט זַיין, דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ אַזוֹי גְרוֹיס, וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט וֶועט עֶר גְלַייךְ גֵיין אִין גַן עֵדֶן, דָארְט אִיז דָאךְ אַזוֹי לִיכְטִיג, אִין גַן עֵדֶן אִיז בֶּעסֶער פוּן דִי וֶועלְט, נוּ פַארְוָואס וֵויינְט דֶער רֶבִּי? לָאמִיר אִים גֵיין פְרֶעגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק דֶער ווִילְנֶער גָאוֹן אִיז זֵייעֶר שְׁוַואך, עֶר לִיגְט אִין בֶּעט, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶר גֵייט שׁוֹין אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אוּן פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן דִי תַּלְמִידִים ווִי דֶער רֶבִּי וֵויינְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָא גֵייט פָּאר, זֵיי פְרֶעגְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ: "רֶבִּי, פַארְוָואס וֵויינְט דֶער רֶבִּי? דֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא פוּן שְׁטַארְבְּן?"

"נֵיין, נֵיין", עֶנְטְפֶערְט דֶער צַדִּיק, "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן שְׁטַארְבְּן, אִיךְ הָאבּ מַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעלֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, יֶעצְט וֶועל אִיךְ גֵיין אִין גַן עֵדֶן מִיט אַלֶע צַדִּיקִים, אִיךְ וֵויין אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית"; דֶער צַדִּיק כַאפְּט אָן דִי הֵיילִיגֶע שְׁטְרִיק פוּן דִי צִיצִית אוּן זָאגְט: "דָא אוֹיף דִי וֶועלְט קֶען מֶען מְקַיֵים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן צִיצִית, מֶען קֶען קוֹיפְן אַבִּיסְל וָואל פַאר אַפָּאר פְּרוּטוֹת אוּן מַאכְן דִי מִצְוָה, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען אִיךְ גֵיי אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט וֶועל אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען טוּן דִי מִצְוָה, אוֹיף דֶעם וֵויין אִיךְ".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן אַזַא הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן צִיצִית, דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען צוּ קִישְׁן דִי צִיצִית אוּן קוּקְן אוֹיף דִי צִיצִית אוּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוָה, וָואס אוֹיבּ מֶען וֶועט צַאמְנֶעמֶען אַלֶע גֶעלְט אוּן אַלֶע מַתָּנוֹת אוּן אַלֶע גָאלְד אוּן זִילְבֶּער אוּן שֵׁיינֶע שְׁטֵיינֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען בַּאצָאלְן דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אֵיין מִינוּט וָואס עֶר גֵייט מִיט צִיצִית.

אַלֶע קִינְדֶער הוֹיבְּן אָן טַאנְצְן: "אַ מְחַיֶ' צִיצִית, אַ מְחַיֶ' צִיצִית, אַ מְחַיֶ' אִיךְ הָאבּ צִיצִית, שְׁכּחַ בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ הָאבּ צִיצִית, הֶעלְף אִיךְ זָאל אֵייבִּיג גֵיין מִיט צִיצִית, אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ קִישְׁן דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, אוּן זִיךְ אֵייבִּיג פְרֵייעֶן מִיט דִי צִיצִית".

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד ווִי דֶער ווִילְנֶער גָאוֹן לִיגְט אִין בֶּעט (עֶס אִיז דָא אַ בִּילְד וָואס מֶען זָאגְט אַז דָאס אִיז דֶער ווִילְנֶער גָאוֹן), אוּן מִיט אֵיין הַאנְט הַאלְט עֶר דִי בֶּענְדְלֶעךְ פוּן דִי צִיצִית אוּן וֵויינְט, אוּן פוּן דֶער זַייט שְׁטֵייעֶן דֶערְשְׁרָאקֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוֹיךְ אַ דָאקְטֶער זָאל שְׁטֵיין פוּן דִי זַייט מִיט דִי סְטֶעטֶעסְקָאוֹפּ, אוּן אוּנְטֶערְזוּכְט אִים.

גֶעדֶענְק צוּ מַאכְן שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע בִּילְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער וֶועט זַיין אַז דוּ וֶועסְט הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַ מֶעסֶעדְזְשׁ פוּנֶעם אַדְמִינִיסְטְרַאטֶער רְפָאֵל נֵרוֹ יָאִיר אַז דוּ זָאגְסְט אַז דֶער עוֹלָם טַעְנָה׳ט אַז דִי מוֹסָד מוּטְשֶׁעט זִיךְ נִישְׁט, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע יָאר, מֶען הָאט גֶעצָאלְט דִי מְלַמְּדִים אוּן דִי טִיטְשֶׁערְס; פַארְיָאר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוְון אַז עֶס אִיז מַמָּשׁ עֶק וֶועלְט, מֶען צָאלְט נִישְׁט, אָבֶּער הַיי יָאר זָאגְט דֶער עוֹלָם אַז דִי מוֹסָד וֶועט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן, זֵיי ווִילְן עֶנְדֶערְשׁ גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע צְדָקוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין אִינְקָאם, רְפָאֵל פְרֶעגְט וָואס עֶר קֶען טוּן.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט וָואר, ווַייל מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעצָאלְט פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס אוּן פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין אָפִּיס פוּן חֲנוּכָּה, מֶען קוּמְט פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס אוּן פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בִּיז הַיינְט - קָרוֹב צוּ צְוֵויי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער. דִי מְלַמְּדִים הָאבְּן מִיר טַאקֶע גֶעצָאלְט רוֹב יָאר אִין צַייט, אָבֶּער דִי גֶעלְט אִיז נִישְׁט גֶעלְט וָואס מֶען הָאט, דָאס אִיז גֶעלְט וָואס מֶען הָאט אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן פַאר דִי מוֹסָד.

טֵייעֶרֶער אַבְרָהָם מֹשֶׁה נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁוַואכְן, זָאלְסְט ווַייטֶער בֶּעטְן צְדָקָה אוּן הִילְף פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ, אוּן פוּן בַּאקַאנְטֶע וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דִי וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל, אוּן אַ זְכִיָּה - וֶועלְן דִיר הֶעלְפְן, אוּן מִיר וֶועלְן קֶענֶען גֵיין צוּם לֵיל הַסֵּדֶר הָאבְּנְדִיג בַּאצָאלְט אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אוּן

הָאבְּן גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן בָּאסֶעס אוּן צוּ אוֹיפְנֶעמֶען נָאךְ דְרֵייוֶוערְס, אוּן נָאךְ מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס אוּן פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן אִין דִי בִּנְיָנֵי הַמּוֹסָד.

אִיךְ וֵויים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נִישְׁט פַארְלָאזְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט נִיסִים מִיט אוּנְז בִּיז אַהֶער אוּן עֶר וֶועט אוּנְז וַוייטֶער הֶעלְפְן, אוּן וֶוער עֶס זָאגְט דִיר אַז דִי מוֹסָד וֶועט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן 'אָמֵן', אוּן זָאג יֶענֶעם אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּינְ'ס אֵיינִיקְל וֶוען עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן צְדָקָה צוּ קֶענֶען בּוֹיעֶן דִי קְלוֹיז, הָאט אִים מוֹהַרְנַ"ת גֶעזָאגְט: "דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ וֶועט זִיךְ אוֹיסְפִירְן אָן דִיר אוֹיךְ, אָבֶער שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער וֶועט זַיין אַז עֶס וֶועט זַיין דוּרְךְ דִיר".

וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן, דוּ זַיי עוֹסֵק וַוייטֶער אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, בְּלַייבּ דֶער גַבְּאַי פַארְן רֶבִּי'ן, בְּלַייבּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, בֶּעט יֶעדְן אֵיינֶעם צְדָקָה פַאר דִי מוֹסְדוֹת, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ זְכִיָּה וֶועט עֶר גֶעבְּן צְדָקָה, וַוייל מֶען דַארְף הָאבְּן אַ זְכִיָּה צוּ קֶענֶען גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת.

אִיךְ בֶּעט פַאר דַיין הַצְלָחָה.

...

## שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען, שְׁטַארְקֶע כֹּחַ, שְׁטַארְקֶע לוּנְגֶען, גֶעזוּנְטֶע הַארְץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

מַזָּל טוֹב פַאר אַייעֶר טָאכְטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן נַחַת פוּן דֶעם קִינְד אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, אִיר זָאלְט נֶעמֶען אַ צֶעטְל אוּן אַרָאפְּשְׁרַייבְּן גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אוּן הָאט גֶעטוּן מִיט אַייךְ, אוּן זֶעצְט אַייךְ אַוֶועק מִיטְן צֶעטְל אוּן זָאגְט "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ; "שְׁכֹּחַ

**אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, שְׁ׳כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין ווַאוּילֶע טַייעֶרֶע מַאן, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז זֵיי זֶענֶען גֶעזוּנְט״, אוּן רֶעכְנְט אוֹיס יֶעדֶע נָאמֶען בַּאזוּנְדֶער. אַזוֹי זָאלְט אִיר זִיצְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן; וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶון, שְׁטַארְקֶע כֹּחַ, שְׁטַארְקֶע מֹחַ, שְׁטַארְקֶע לוּנְגֶען, אַ גֶעזוּנְטֶע הַארְץ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַלֶעס וֶועט זַיין גוּט, וַוייל דָאס דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מִיט פְּרִישֶׁע כֹּחוֹת.**

**קְלֵיינֶע קִינְדֶער מוּטְשֶׁען אוֹיס, אָבֶּער בַּאלְד וֶוערְן זֵיי גְרוֹיס אוּן זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה, אוּן מֶען וֶועט זִיךְ בֶּענְקֶען צוּ דִי טֶעג.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## **אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען קַבָּלָה?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיר גֶעפְרֶעגְט נָאכְן שִׁיעוּר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אוּן אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען קַבָּלָה.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט, וַוייל בַּיים שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ סְעוּדָה פַאר דִי הִלּוּלָא פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאבְּן מִיר פַארְגֶעלֶערְנְט אַ שְׁטִיקְל פוּן דִי הַנְהָגוֹת הָאָדָם פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר זָאגְט וִוי מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן לֶערְנֶען קַבָּלָה, אַז דָאס אִיז אַ לִימּוּד וָואס הָאט אִין זִיךְ צְוֵויי כֹּחוֹת; אָדֶער בְּרֶענְגְט דֶער לִימּוּד אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אָדֶער קֶען דֶער לִימּוּד אַרָאפְּשְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין דִי טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי וִוי עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט שַׁבְּתַי צְבִי יִמַּח שְׁמוֹ, וָואס הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין

לֶערְנֶען קַבָּלָה בְּטֻמְאָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָאס הָאט אִים אִינְגַאנְצְן פַארְפִירְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

מַיין לִיבֶּער טַייעֶרער חָבֵר, מַיין הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער, בְּלַייבּ מִיט דַיין תְּמִימוּת פוּן זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת אוּן אַלֶע זוּהֲמוֹת, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, בִּגִירְסָא, נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער - דָאס וֶועט דִיךְ אוֹיסְרֵיינִיגְן פוּן אַלֶע שְׁמוּץ, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא, שַׁ"ס כְּסִדְרָן, אוּן זִיךְ אוֹיסְהֵויינֶען אוֹיף דִי גְמָרָא צוּ דִי הֵיילִיגֶע תְּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים, זֵיי זָאלְן דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאר טוּן זַיין ווִילְן.

צוּ לֶערְנֶען קַבָּלָה דַארְף מֶען זֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (הַנְהָגוֹת הָאָדָם, סִימָן ה): "צָרִיךְ הָאָדָם לְזַכֵּךְ וּלְכַבֵּס עַצְמוֹ מִכָּל חֵטְא, וּלְזַכֵּךְ נִשְׁמָתוֹ", מֶען דַארְף זִיךְ עֶרְשְׁט רֵיינִיגְן דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, מֶען דַארְף זִיךְ גוּט אָפְּוַואשְׁן פוּן דִי שְׁלֶעכְטְס, "וְיָבִין הָאָדָם אִם זִכֵּךְ נִשְׁמָתוֹ", אוּן ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן אוֹיבּ מֶען אִיז שׁוֹין רֵיין אוּן מֶען קֶען שׁוֹין לֶערְנֶען קַבָּלָה? "כַּאֲשֶׁר אֵין יֵצֶר הָרָע מְסִיתוֹ לִשְׁטוּת וַהֲבָלִים, כַּאֲשֶׁר בִּתְחִלָּה", וֶוען מֶען זֶעט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע צִיט שׁוֹין נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ נַארִישְׁקֵייטְן אַזוֹי ווִי אַמָאל, "וְאָז יוּכַל לִלְמוֹד בְּכָל פַּעַם הַכְּתָבִים", דֶעמָאלְט קֶען מֶען לֶערְנֶען כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל, "וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְזַכֵּהוּ", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, "אִם יְזַכֵּךְ מַחְשַׁבְתּוֹ בִּקְדוּשָּׁה בֶּאֱמֶת וּבְתָמִים", אוֹיבּ מֶען הָאט זִיךְ טַאקֶע גֶערֵיינִיגְט, מֶען הָאט נָאר רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת - "שֶׁיִּפָּתַח לוֹ שַׁעֲרֵי הַחָכְמָה בְּכִתְבֵי הָאֲרִ"י זללה"ה", אַז עֶס וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען דִי מֹחַ אוּן עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן פַארְשְׁטֵיין דִי סוֹדוֹת פוּן קַבָּלָה, "אֲשֶׁר לֹא כֵן כָּל זְמַן שֶׁמְּלוּבָּשׁ בְּתַאֲווֹת גּוּפָנִיּוֹת, בְּהֶבְלֵי זְמַן", אָבֶּער אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן רֵיין, מֶען ווִיל נָאךְ טוּן נַארִישְׁקֵייטְן, "שֶׁהַלִּמּוּד קָשֶׁה לוֹ מְאֹד, חַס וְשָׁלוֹם", דֶעמָאלְט אַז מֶען לֶערְנְט קַבָּלָה קֶען דָאס זֵייעֶר שָׁאטְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען פוּן דֶעם זֵייעֶר פַארְקְרִיכְן.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ ווִיל נָאר דַיין גוּטְס. בְּלַייבּ מִיט דַיין תְּמִימוּת, מִיט דַיין מִשְׁנַיּוֹת, מִיט דַיין גֶעפִּינְטֶלְטֶע גְמָרָא וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַיין שְׁוֶוער אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן מִיט דִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין שְׁוֶוער זָאגְט מִיר, עֶר קֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַזַא ווָאוּילֶע אֵיידֶעם ווִי דוּ בִּיסְט, עֶר זָאגְט מִיר דוּ הָאסְט אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מִידוֹת, דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט אַזַא דֶרֶךְ אֶרֶץ, עֶר אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן מִיט דִיר.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי שְׁטַארְק מִיט זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי יֶעדְן טָאג גְלַייךְ נָאךְ שַׁחֲרִית, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן נָאר נָאכְן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא פוּנֶעם טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז ווִיכְטִיג צוּ פְרֶעגְן אַלֶע סְפֵיקוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען מִיט דַיין ווַייבּ אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן עֶנְקֶערֶע סְפֵיקוֹת אוּן ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן דִי שְׁטוּבּ, עֶס אִיז ווִיכְטִיג אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה צוּ פְרֶעגְן אַלֶע סְפֵיקוֹת, אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן דִי שְׁטוּבּ רִיכְטִיג אוּן עֶרְלִיךְ.

בַּארוּאִיג דַיין ווַייבּ, זִי הָאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אַז זִי אִיז נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶע פְּרוּ׳ וְכוּ׳ ווַייל מֶען הָאט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט בְּנוֹגֵעַ קִינְדֶער וְכוּ׳ אַז זִי זָאל ווַארְטְן

וְכוּ׳; זָאג איר זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן, זָאג אִיר אַז מֶען דֶערְלֵייגְט נִישְׁט אַז מֶען פְּרֶעגְט, אוּן זִיכֶער דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט אַז מֶען פָּאלְגְט.

אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען הוֹיבְּן זִיךְ אָן וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. בַּיי דִי פְּרוֹיעֶן אִיז דָאס מֶער, מֶען זוּכְט אַרוֹיס צוּ קְרַאצְן בַּיי אַנְדֶערֶע וָואס מֶען הָאט זֵיי גֶע׳פַּסְקְ׳נְט, פַּארְוָואס פַאר דִי פְּרוֹי הָאט מֶען גֶעזָאגְט נִישְׁט וַוארְטְן וְכוּ׳ אוּן פַאר מִיר יָא וַוארְטְן וְכוּ׳, דָאס קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן דָאס זוּכְן צוּ זַיין ווִי אַנְדֶערֶע - דָאס לָאזְט נִישְׁט לֶעבְּן. מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט׳ מֵחָכָם וְתָּם), אַז וֶוען זַיין ווייבּ הָאט אִים גֶעפְּרֶעגְט דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת, פַּארְוָואס דֶער אוּן פַארְוָואס יֶענֶער? הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר? וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס יֶענֶער פַארְדִינְט?" וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס דֶער רָב הָאט יֶענֶעם גֶעזָאגְט? וָואס גֵייט מִיר אָן פַארְוָואס פַאר יֶענֶע פְּרוֹי זָאגְט מֶען נִישְׁט וַוארְטְן וְכוּ׳ אוּן פַאר מִיר יָא וַוארְטְן וְכוּ׳, וָואס הָאט יֶענֶעמְ׳ס לֶעבְּן מִיט מִיר? "דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וָואס דַארְף אִיךְ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז אֵיידְלְקֵייט אוּן בַּאשֵׁיידְנְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ ווִיל אַייךְ בֶּעטְן איר זָאלְט זִיךְ אָנְטוּן אֵיידְל אַזוֹי ווִי אַמָאל, טוּט זִיךְ צוּרִיק אָן גֶעהֶערִיגֶע קְלֵיידֶער וָואס גֵייעֶן בִּיז נָאךְ דִי קְנִיעֶן אוּן טוּט אוֹיס דִי הוֹיזְן. דָאס אִיז נִישְׁט שֵׁיין פַאר אַ פְּרוֹי; מֶענֶער גֵייעֶן מִיט הוֹיזְן אוּן פְּרוֹיעֶן מִיט קְלֵיידֶער, דָאס אִיז שֵׁיין אוּן דָאס אִיז הֵיילִיג.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, וֶוערְט נִישְׁט בֵּייז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ זָאג אַייךְ, אִיךְ זָאג נָאר ווייל עֶנְק זֶענֶען בַּיי מִיר חָשׁוּב, אִיךְ ווִיל עֶנְקֶער גוּטְס; דִי שֶׁענְסְטֶע

זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער - אִיז אֵיידְלְקֵייט אוּן בַּאשֵׁיידְנְקֵייט.

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים אוּן פְלֶעכְטְס אַרַיין אַייעֶרע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת אוּן לוֹיב וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בְּרֶענְגְט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער וֶוען עֶס קוּמְט זִיךְ נִישְׁט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט טוֹישְׁן דַיין וֶועג, אוּן אָנְנֶעמֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט נֶעכְטְן; דוּ זָאלְסְט גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיין וַוייבּ. אִיךְ וֵוייס אַז דוּ בִּיסְט אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ אוּן דוּ טוּסְט אַלֶעס אִין שְׁטוּבּ, אָבֶּער אַז מֶען גֶעבְּט נִישְׁט גוּטֶע וֶוערְטֶער, מֶען רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין - פַאלְט דִי וֶוערְד פוּן אַלֶעס וָואס מֶען טוּט.

דוּ זָאגְסְט אַז דוּ בִּיסְט אַן אִישׁ אֱמֶת, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זָאגְן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער וֶוען דוּ הַאלְטְסְט אַז עֶס קוּמְט נִישְׁט וְכוּ'. ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דִי עֶמֶעסֶע וֶועג אוּן נֶעמֶען דִי אֱמֶת וָואס דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (הוּבָא בְּאוֹרְחוֹת צַדִּיקִים שַׁעַר הַחֲנִיפוּת, הַחֲנִיפוּת הָרְאוּיָה): "וְיַחְנִיף אָדָם לְאִשְׁתּוֹ מִשּׁוּם שָׁלוֹם בַּיִת", אַ מֶענְטְשׁ זָאל יָא חַנְפְ'נֶען זַיין וַוייבּ, אוּן אֲפִילוּ מֶען טָאר נִישְׁט חַנְפָּה'נֶען, חֲנִיפָה אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ; דָאךְ, אַ וַוייבּ דַארְף מֶען יָא חַנְפָּה'נֶען, וַוייל נָאר אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת - קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נֶעם אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער. אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דָא קֵיין אִינְטֶערֶעס, אִיךְ ווִיל נָאר אַז דַיין שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן, דוּ אוּן דַיין וַוייבּ מִיט עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ, אַ

מִשְׁפָּחָה, און דָאס גֵייט נָאר אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין און מֶען גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער. רֶעד נִישְׁט סַארְקַאסְטִישׁ, נִישְׁט צוּ דַיין וַוייבּ און נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם. סַארְקַאסְטִישׁ אִיז לֵיצָנוּת, סַארְקַאסְטִישׁ אִיז נִישְׁט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ אַ צְוֵוייטֶע אִיד.

אַז דוּ וֶועסְט גֶעבְּן פַאר דַיין וַוייבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, פַאר צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ דְרוּקְן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל. מוֹהֲרַ״ש הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט הֶעלְפְן דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים, אִיךְ דַארְף יֶעצְט אִין שְׁטוּבּ צְוֵויי גְרוֹיסֶע נִסִּים, צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע יְשׁוּעוֹת, עֶס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַאר זֵיי.

דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל גֶעבְּן אַ פִּדְיוֹן פַאר אַ צַדִּיק אֵיידֶער מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער, דָאס אִיז דִי פִּדְיוֹן פַאר בֵּיידֶע וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, בִּזְכוּת וָואס מִיר זֶענֶען עוֹסֵק אִין דְרוּקְן און פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַ״ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דִי וֶועלְט, אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דִי עֵצוֹת פַאר אוּנְזֶער דוֹר - זָאלְן מִיר אַלֶע זַיין גֶעזוּנְט פִיזִישׁ און גֵייסְטִישׁ, אָמֵן סֶלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶנְדִיגְן דֶעם אַלְבּוֹם, "וָואס מֵיינְט אַ רֶבִּי?"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ אוּנְטֶערְגַארְטְלְן צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם אַלְבּוֹם מִיטְן נָאמֶען: "וָואס מֵיינְט אַ רֶבִּי?"

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעגֶעבְּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער אַיינְגַאבֶּע פַּאר דִי נֵייעֶ אַלְבּוֹם, אוּן גָארְנִישְׁט רוּקְט זִיךְ. ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט טוּן אַלֶעס וָואס דוּ קֶענְסְט אַז דֶער אַלְבּוֹם זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען וָואס שְׁנֶעלֶער, ווַייל דַיינֶע אַלְבּוֹמְס זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל שֵׁיין, דִי יוּגְנְט ווַוארְט אוֹיף דֶעם, דָאס רֶעדְט צוּ זֵיי, דָאס הֵיילְט זֵיי. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג): "אוּן אִיךְ הֵייל זִי, מִיט דִי עֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה"; אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר אִיז דָאס דִי שׁוֹפָר שֶׁל מָשִׁיחַ, דָאס רֶעדְט צוּ דִי יוּגְנְט, מִיט דֶעם קֶען מֶען אוֹיסְהֵיילְן דִי בַּת מֶלֶךְ וָואס לִיגְט חַלָּשׁוּת.

אִיךְ ווֵייס אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לֵייגְט פִּיסְלֶעךְ, עֶר לָאזְט נִישְׁט דִי אַלְבּוֹמְס זָאלְן אַרוֹיסְקוּמֶען, ווַייל דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַזוֹיפִיל הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען אַלֶע מְנִיעוֹת.

דוּרְךְ הֲפָצָה וֶועלְן מִיר אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אָנְקוּמֶען צוּ דִי דְרַייצְן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן צוּ מַכְנִיעַ זַיין דִי סִטְרָא אַחֲרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דַיין בָּחוּר אִיז גֶעוֶועְן מִיט זֵיי שַׁבָּת אִין מִירוֹן מִיט נָאךְ צְוֵויי בָּחוּרִים פוּן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן גְרוֹיס הַכְנָעָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר צוּ דַיין זוּן אוּן צוּ אַלֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה אוּן צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיף לַ״ג בָּעֹמֶר, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ קֶענֶען פַארְבְּרֶענְגֶען אַבִּיסְל מִיט דִי בָּחוּרִים; לֶערְנֶען מִיט זֵיי אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי׳ן מִיט זֵיי.

גֵיי יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר אִין אַ זַייטִיגֶע שְׁטִילֶע גֶעסְל, אָדֶער אַ לֵיידִיגֶע פֶּעלְד, אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט טְרַאכְטְן נָאר פוּן אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לוֹיף נִישְׁט אַוֶועק אוֹיף פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען דוּ מַאכְסְט דַיינֶע פְּלֶענֶער אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח, גֶעדֶענְק אַז פֶּסַח עֶסְט מֶען נָאר אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אָדֶער בַּיי זֵיידֶעס, מֶען מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט פֶּסַח מִיט קֵיינֶעם, אוּן מֶען גֵייט נִישְׁט אִין הָאטֶעל וְכוּ׳.

לוֹיף נִישְׁט אַוֶועק פוּן פֶּסַח׳דִיג מַאכְן, לוֹיף נִישְׁט אַוֶועק פוּן אוֹיסְרוּימֶען דִי חָמֵץ, הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז עֶס נִישְׁט שְׁוֶוער, אַמָאל הָאט מֶען גֶענִיצְט דִי חָמֵץ׳דִיגֶע כֵּלִים פַאר פֶּסַח, הָאט מֶען דָאס גֶעדַארְפְט אוֹיסְקְרַאצְן אוּן אוֹיסְרַייבְּן אוּן כַּשֶׁרְ׳ן, דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. הַיינְט הָאט יֶעדֶער פֶּסַח׳דִיגֶע כֵּלִים, אִיז דָאס אַיינְרִישְׁן דֶעם יוֹם טוֹב נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער.

לוֹיף נִישְׁט אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ אוֹיף יוֹם טוֹב, אָדֶער בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן אָדֶער וַוייבּ׳ס עֶלְטֶערְן, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ פְּרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב אוּן צוּ דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן יוֹם טוֹב; ווִי מֶער מֶען בֶּעט אוֹיף שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי מִצְוֹת, שְׁפִּירְן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן דִי מִצְוֹת - אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ דֶעם.

פֶּסַח זִיצְט מֶען דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִינְאֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי מֶען פְלֶעגְט עֶסְן אִינְאֵיינֶעם דִי 'קָרְבַּן פֶּסַח' - וָואס מֶען הָאט גֶעגֶעסְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי מִשְׁפָּחָה.

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט קֵיינֶער נִישְׁט מִיט גֶעגֶעסְן לֵיל הַסֵּדֶר, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעסְן נָאר מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה. אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס נֶעמֶען פוּן אַ צִימֶער, אִיז עֶר אַרִיבֶּער דִי שְׁטוּב וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'ן זִיצְן מִיטְן קִיטְל אוּן מִיט אַ טַלִית אוּן דִי פָּנִים אִיז אִים גֶעוֶוען רוֹיט פוּן דְבֵיקוּת אוּן הִתְלַהֲבוּת, רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## גֵיי צוּ דַיין שְׁוֶוער אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ה אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

גֵיי אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיט דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, אוּן מִיט לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ שְׁנַיִם מִקְרָא אוּן תַּרְגּוּם, אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי וָואךְ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן זֶעטִיגְן דַיין זֶעל. אָן תּוֹרָה אִיז דֶער מֶענְטְשׁ הוּנְגֶערִיג, אוּן אַז מֶען גֶעבְּט נִישְׁט דֶעם זֶעל עֶסְן, דִי עֶסְן וָואס דִי נְשָׁמָה דַארְף - לוֹיפְט דֶער מֶענְטְשׁ צוּ נַארִישְׁקֵייטְן, צוּ עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן מִיט תּוֹרָה, מִיט דִי 'מְזוֹנָא דְנִשְׁמָתָא' - טוּט מֶען נִישְׁט קַיין שְׁטוּתִים.

גֵיי צוּ דַיין שְׁוֶוער אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג פֶּסַח, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי

בַּאקְוֶועם, אִין לֶעבְּן טוּט מֶען וָואס אִיז רִיכְטִיג נִישְׁט וָואס אִיז בַּאקְוֶועם. זַיי דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג בַּיי דַיין שְׁוֶוער אַזוֹי וִוי דֶער מִנְהָג אִיז, אוּן מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט שִׂמְחָה וֶועט דִיר זַיין גָאר בַּאקְוֶועם דָארְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## אַ סוֹד וָואס צוּ טוּן וֶוען מֶען הָאט מֶער נִישְׁט כֹּחַ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ה אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ וֶועסְט זִיךְ מוּזְן שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער שֶׁלֹּא עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרַס, נִישְׁט צוּ וֶוערְן בַּאצָאלְט אוּן בַּאלוֹיבְּט, אֶלָּא עַל מְנָת לְהִסָּקֵל בָּאֲבָנִים, נָאר מִיטְן צִיל אֲפִילוּ מֶען וֶועט דִיךְ בַּאוַוארְפְן מִיט שְׁטֵיינֶער, וֶועסְטוּ וַוייטֶער הָאבְּן סַבְלָנוּת פַאר דִי יוּנְגֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ, זֵיי אוֹיפְצִיעֶן מִיט רַחְמָנוּת אוּן מִיט אַסַאךְ גֶעדוּלְד.

אִיךְ וֵוייס אַז דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף דִיר, עֶר וִויל דִיךְ צֶעבְּרֶעכְן, וַוייל וֶוער עֶס טוּט מִיטְן כְּלַל גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶען שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ וִוי מֶען אִיז אַ דוּרְכְפַאל, מֶען שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ וִוי מֶען טוּט נִישְׁט דִי אַרְבֶּעט, אוּן נָאכְדֶעם קוּמְט נָאךְ צוּ דִי טַעֲנוֹת פוּן אַלֶע וֶועם מֶען הֶעלְפְט; דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, מֶען דַארְף דָאס אַלֶעס נֶעמֶען פַאר אַ תִּיקוּן, אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אוּן וַוייטֶער טוּן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

עֶס אִיז דָא אַ סוֹד וָואס מֶען קֶען טוּן וֶוען מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען הָאט נִישְׁט מֶער כֹּחַ וְכוּ׳, מֶען קֶען גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר אִין אַ לֵיידִיגֶע גַאס אוּן וֵויינֶען צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר כֹּחַ און צו זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פון יֶעדְן אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעם צַאם צְדָקָה מִיר זָאלְן קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ה אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

זָאלְסְט וִויסְן אַז שׁוֹין פון חֲנוּכָּה צָאלְן מִיר נִישְׁט דִי טִיטְשֶׁערְס פון בֵּית פֵּיגָא, און אוֹיךְ נִישְׁט דִי סֶעקְרֶיטֶערִיס און דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, און יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט פֶּסַח מוּזְן מִיר זֵיי בַּאצָאלְן, און אוֹיךְ דִי מְלַמְדִים הָאבְּן מִיר נִישְׁט צו בַּאצָאלְן אוֹיף בִּיז פֶּסַח. וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ און בַּיי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל פַאר דִי מוֹסְדוֹת, זַיי בֶּעטְן צו הֶעלְפְן.

עֶס לִיגְט אוֹיף מִיר גָאר אַ גְרוֹיסֶער עוֹל; אַלֶע מוֹסְדוֹת, דִי כּוֹלֵל, דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל׳דִיגֶע מוֹסְדוֹת, בַּיים סוֹף וֶוען מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶעקְן פַאלְט עֶס אוֹיף מִיר, און יֶעצְט אַז דֶער אַדְמִינִיסְטְרַאטֶער רְפָאֵל נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר עֶר דַארְף הָאבְּן בִּיז יוֹם טוֹב נָאךְ הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט פַאר דִי מְלַמְדִים צו קֶענֶען דֶעקְן בִּיז פֶּסַח, און פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס וָואס מֶען צָאלְט נִישְׁט פון חֲנוּכָּה דַארְף עֶר הָאבְּן קָרוֹב צו צְוֵויי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט, פַאלְט עֶס אוֹיף מִיר.

וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, יֶעצְט לֵייג דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין דֶער זַייט. אִיךְ גֶעדֶענְק מַיין זֵיידֶע הָרַב הַצַּדִיק רֶבִּי יְחֶזְקֵאל רוֹטְה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט אוֹיךְ לֵייגְן זַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין דֶער זַייט, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּלְן, אִין הַייזֶער - פון נָאךְ פּוּרִים בִּיז פֶּסַח, צו הֶעלְפְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הָאבְּן אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח. חוֹל הַמוֹעֵד וֶועסְטוּ מַשְׁלִים זַיין אַלֶע דַיינֶע שִׁיעוּרִים, יֶעצְט זָאלְסְטוּ צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה מִיר זָאלְן קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

## מִיטְזִינְגֶען דֶעם זֶעלְבְן נִיגוּן וָואס מֶען זִינְגְט אִין דִי מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, ג׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וְוִיפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן מוֹסְדוֹת פַאר אוּנְזֶערֶע זִין אוּן טֶעכְטֶער וָואס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה - אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ וָואס הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי׳ן וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער. וְוִיפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, ״אִילּוּ פִינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם ... אֵין אֲנַחְנוּ מַסְפִּיקִים לְהוֹדוֹת לְךָ״, פַאר דִי מוֹסְדוֹת, אַז דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, מִיט שִׂמְחַת הַמִּצְוֹות, מִיט אֱמוּנַת צַדִּיקִים וְכוּ׳.

אִיךְ בִּין אַסַאךְ אַרִיבֶּער בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן, פוּן אָנְהוֹיב, בַּיים עֶפֶענֶען דִי חֵדֶר אוּן בֵּית פֵיגָא הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ מִיטְגֶעמַאכְט, בִּיטֶערֶע שְׁוֶועֶרֶע רְדִיפוֹת פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אוּן בְּעִיקָר פוּן אִינֶעוֵוייניג, אוּן מִיט דִי חִיזוּק פוּן מוֹהֲרָא״שׁ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט דִי כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין, בִּיז הַיינְט הָאבְּן מִיר שׁוֹין מוֹסְדוֹת אוֹיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיךְ אִין אַמֶערִיקֶע אִין אַפָּאר שְׁטֶעט, אוּן אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּקָרוֹב צוּ עֶפֶענֶען אִין לֶעיקֶוואוּד אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אַ בֵּית פֵיגָא.

אִיךְ וִויל דִיר נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנֶען אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ פַאר דִי טוֹבָה פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זֶען הַצְלָחָה בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער - דַארְפְסְטוּ מִיט שְׁטִימֶען אוּן מִיט זִינְגֶען דִי זֶעלְבֶּע נִיגוּן וָואס מֶען רֶעדְט אוּן מֶען זִינְגְט אִין אוּנְזֶער מוֹסָד, אוּן אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אַנְדֶערְשׁ, דוּ הָאסְט אַנְדֶערֶע הַשְׁקָפוֹת וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ מִיט זִינְגֶען דִי זֶעלְבֶּע נִיגוּן, וַוייל אוֹיבּ מֶען מַאכְט

אַוֶועק אִין שְׁטוּבּ דִי מוֹסָד אוּן וִוי אַזוֹי מִיר לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער - וֶוערְן דִי קִינְדֶער צֶעמִישְׁט אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ.

בַּיי אוּנְז אִין בֵּית פֵּיגָא לֶערְנְט מֶען וָואס אַ פְּרוּי דַארְף וִויסְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, מִיר לֶערְנֶען נִישְׁט צוּ וֶוערְן דָאקְטוֹירִים, לוֹיעֶרְס וְכוּ', מִיר לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען אִיז אַ גוּטֶע מַאמֶע אוּן אַ וַוארֶעמֶע וַוייבּ, אוּן צוּ לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה, זַיין פְּרֵיילִיךְ, אוּן אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אִין יְשִׁיבָה בַּאקְט מֶען אַרַיין אֱמוּנָה, מֶען בַּאקְט אַרַיין קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אַז מֶען לַאכְט אָפּ פוּנֶעם מְנַהֵל, מְלַמֵּד וְכוּ' - וִוי אַזוֹי עֶרְוַוארְט מֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מְקַבֵּל זַיין פוּן זֵיי?

זַיי שְׁטַארְק מִיטְן בְּלַאט גְּמָרָא אַזוֹי וִוי לֵייגְן תְּפִילִין; מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָּאוֹן רֶבִּי שֶׁעפְּטִיל זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, דֶער זוּן פוּנֶעם שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (בְּסוֹף סֵפֶר יֵשׁ נוֹחֲלִין), אַז לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְּמָרָא יֶעדְן טָאג דַארְף זַיין אַ חִיוּב פַארְן מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דִי זְכוּת צוּ דְרוּקְן דִי דְרִיטֶע חֵלֶק אֲשֶׁר בַּנַּחַל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

יְיִשַׁר כֹּחַ פַארְן צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר דִי קֶרֶן הַדְּפָּסָה, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז צַוָואָה גֶעלָאזְט מִיר זָאלְן דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קֶען מְקַיֵּים זַיין דִי צַוָואָה דוּרְךְ גֶעבְּן גֶעלְט פַאר קֶרֶן הַדְּפָּסָה, אוּן דוּ הָאסְט דִי זְכוּת אוֹיסְצוּפִירְן דִי הֵיילִיגֶע צַוָואָה מִיטְן צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר דִי הֵיילִיגֶע קֶרֶן.

אִיךְ פְרֵייא זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר, אַז מִשְׁפַּחַת ר׳ יוֹאֵל מַארְקָאוִויטְשׁ שֶׁיִּחְיוּ הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי זְכוּת צוּ דְרוּקְן דִי דְרִיטֶע חֵלֶק אֲשֶׁר בַּנַּחַל. עֶס אִיז מַמָּשׁ וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לב.): "מְגַלְגְּלִין זְכוּת עַל יְדֵי זַכַּאי", מֶען פִירְט פוּן הִימְל אַז גוּטֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן טוּן גוּטֶע זַאכְן; זֵיי הָאבְּן גֶעקוֹיפְט דִי זְכוּת פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי אִידִישֶׁע אֲשֶׁר בַּנַּחַל אוּן פוּן דִי צְווֵייטֶע חֵלֶק, אוּן יֶעצְט פְרֵייא אִיךְ זִיךְ צוּ הֶערְן אַז זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ מְנַדֵּב גֶעוֶוען פַארְן דְרִיטְן חֵלֶק.

לֵייג אַרַיין דִי נוּסַח אִין סֵפֶר:

"מַהֲדוּרַת יוֹאֵל וְגֶענֶענְדְל יוּטָל מַארְקָאוִויטְשׁ"

דִי הֵיילִיגֶע סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' חֵלֶק ג׳ אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן בְּהִתְנַדְּבוּת יוֹאֵל נֵרוֹ יָאִיר אוּן זַיין וַוייבּ גֶענֶענְדְל יוּטָל תִּחְיֶ׳ מַארְקָאוִויטְשׁ שֶׁיִּחְיוּ.

דִי זְכוּת וָואס זֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן פַאר דִי וֶועלְט זָאל זֵיי בֵּיישְׁטֵיין, זֵיי אוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; צִירְל שֶׁבַע תִּחְיֶ׳, רֵיזְל תִּחְיֶ׳, מַלְכָּה תִּחְיֶ׳ אוּן שִׁפְרָה תִּחְיֶ׳, זָאלְן אַלֶע זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק בְּגוּף וּבְנֶפֶשׁ, אוֹיךְ זָאל דָאס זַיין לִזְכוּת זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים זְכָרִים, אוּן צוּ אַ שֵׁיינֶע בַּאקְוֶועמֶע אֵייגֶענֶע הוֹיז, עֶס זָאל זַיין בַּיי זֵיי נָאר שִׂמְחָה אוּן הַצְלָחָה, פַאר זֵיי אוּן פַאר זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת, אָמֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג אוּן וָואכְן מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דִי טֵייעֶרֶע בַּחוּרִים אוּן קִינְדֶער פוּן דִי עֶלְצְטֶע כִּתָּה אִין שְׁטֶעטְל חֵדֶר**

אִיךְ טְרַאכְט אַסַאךְ אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל וִויסְן וָואס אִיךְ זָאל טוּן מִיט עֶנְקֶער כִּתָּה דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, שְׁנַת תשפ"ו הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; אוֹיבּ עֶנְק זָאלְן שׁוֹין אַרַיינְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה בַּיים מַגִּיד שִׁיעוּר הָרַב יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף שְׁלִיטָ"א, אָדֶער עֶנְק זָאלְן בְּלַייבְּן נָאךְ אַ יָאר אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה;

די סְפֵיקוֹת וֶועל אִיךְ נִישְׁט מִיטְטֵיילְן מִיט עֶנְק, דָאס שְׁמוּעֶס אִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס וֶועל אִיךְ יָא מִיטְטֵיילְן מִיט עֶנְק? אִיךְ ווִיל עֶנְק זֵייעֶר בֶּעטְן עֶנְק זָאלְן אוֹיסְנִיצְן עֶנְקֶערֶע טֶעג און וָואכְן מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אוֹיסְהֶערְן דֶעם מְלַמֵּד, קוּמֶען פַּארְטָאגְס לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, דֶּרֶךְ הַלִּימוּד; דַאוֶונֶען אוֹיפְן קוֹל מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט; אוֹיךְ זָאלְן עֶנְק אוֹיסְהֶערְן עֶנְקֶער מְלַמֵּד די חוּמָשׁ, גְמָרָא און אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט.

יֶעצְט וֶוען אַ טֵייל כִּתָּה אִיז שׁוֹין בַּר מִצְוָה און אַ טֵייל וֶוערְן בַּאלְד בַּר מִצְוָה – זָאלְט אִיר אוֹיסְנִיצְן עֶנְקֶערֶע טֵייעֶרֶע צַייט פַאר דַאוֶונֶען און לֶערְנֶען. מַאכְט עֶנְק אַ קַבָּלָה טוֹבָה נִישְׁט צוּ רֶעדְן פַארְן דַאוֶונֶען, אִינְדֶערְפְרִי פוּנֶעם אוֹיפְשְׁטֵיין בִּיז נָאכְן דַאוֶונֶען זָאלְט אִיר נִישְׁט רֶעדְן קַיין אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער, נִישְׁט רֶעדְן קַיין דְבָרִים בְּטֵלִים, נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְן עֶנְק רֶעדְן.

די עֶרְשְׁטֶע לִימוּד זָאלְן עֶנְק לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, קוּמְט אִין שׁוּל פַּארְטָאגְס לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, און נָאכְדֶעם דֶעם יוֹם תְּהִלִּים; די צְוֵויי שִׁיעוּרִים זָאלְן עֶנְק נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּאצָאלְן די אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע לְכָבוֹד יוֹם טוֹב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ו אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַלֶע יָארְן הֶעלְפְסְטוּ מִיר, דוּ נֶעמְסְט צָאם צְדָקָה פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ און פוּן די וָואס הָאבְן אַ גֶעפִיל פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, אַ גַאנְץ יָאר שְׁטוּפְּט מֶען אָפּ דָאס בַּאצָאלְן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט פֶּסַח - ווִיל אִיךְ אַלֶעמֶען בַּאצָאלְן.

אַלֶע יָארְן טְרַאכְט אִיךְ ׳הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט צוּלֵייגְן נָאךְ אַפָּאר דָאלֶער פַאר יֶעדְן מְלַמֵּד לְכָבוֹד פֶּסַח׳, און בִּיז דֶערְוַוייל אִיז מִיר דָאס

נָאכְנִישְׁט גֶעלוּנְגֶען צוּ טוּן, וַוייל קוּים וָואס מִיר זֶענֶען מַצְלִיחַ צוּ בַּאצָאלְן וָואס מֶען קוּמְט זֵיי. אֶפְשָׁר דִי יָאר פֶּסַח - הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה - וֶועסְטוּ מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה, מִיר זָאלְן קֶענֶען סַיי בַּאצָאלְן אַלֶע מְלַמְדִים אוּן אַלֶע טִיטְשֶׁערְס, אוּן סַיי קֶענֶען צוּגֶעבְן אַפָּאר דָאלֶער לְכָבוֹד יוֹם טוֹב. שׁוֹין פוּן חֲנוּכָּה הָאבְן מִיר נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען דִי יָאר צוּ בַּאצָאלְן דִי טִיטְשֶׁערְס, אוּן אוֹיךְ דִי מְלַמְדִים הָאבְן מִיר בַּאצָאלְט מִיט גֶעלְט וָואס דַארְף וֶוערְן גֵיין פַאר דִי מוֹסָד; וִוי לְמָשָׁל, אַ גַאנְץ ווִינְטֶער זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן פַארְפְרוֹירְן גֶעוָוארְן פוּן שְׁטֵיין אִין דִי קֶעלְט, אוּן מִיט אַ קְלֵיינֶע מַאשִׁין וָואס רוּפְט זִיךְ אַ טְרֶעקֶער - וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט בְּלַייבְן אִין שְׁטוּב אוּן אַרַיינְרוּפְן דִי טֶעלֶעפָאן פְּרָאגְרַאם אוּן ווִיסְן וואוּ דִי בָּאס הַאלְט, דָאס קָאסְט אַפָּאר טוֹיזְנְט דָאלֶער, אוּן דֶער אַדְמִינִיסְטְרַאטֶער רְפָאֵל וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט קוֹיפְן דִי מַאשִׁין צוּ מַאכְן בַּאקְוֶועם פַאר דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶער עֶר הָאט גֶענוּמֶען דָאס גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים, (דָאס אַלֶעס שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר וַוייל דוּ זָאגְסְט מִיר אַז מֶען זָאגְט דִיר אַז דִי מוֹסָד גֶעבְּט זִיךְ סוֹף כָּל סוֹף אַן עֵצָה...).

אַבְרָהָם מֹשֶׁה נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְן אַפָּאר טֶעג בִּיז יוֹם טוֹב, לֵייג אַלֶעס אִין דֶער זַייט אוּן יֶעצְט טוּ דִי מִצְוָה, נֶעם צוּזַאם צְדָקָה פַאר דִי מוֹסָד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, כַּשֵׁר מַיין הַארְץ, כַּשֵׁר מַיין מֹחַ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט וָואס

טוט זיך אָפּ מִיטְן אָנְגְרייטְן דֶעם יום טוב פֶּסַח, אַז די זֶעלְבֶּע מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן בַּיים שׁוֹפָר בְּלָאזְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה – וֶוערְן בַּאשַׁאפְן בַּיים רֵיינִיגְן די שְׁטוּבּ פון חָמֵץ און בַּיים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם יום טוב פֶּסַח. אַלֶע שְׁטֵייעֶן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי די תְּקִיעוֹת, מֶען אִיז דָארְט מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ, אָן קַיין פַּיינְטְשַׁאפְט; אַזוֹי דַארְפְן מִיר זַיין בַּיים אוֹיסְרוֹימֶען די חָמֵץ, דָאס טון מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ און גֶעפִיל, מִיט שִׂמְחָה, אָן קַיין פַּיינְטְשַׁאפְט, אָן קַיין קְרֶעכְצְן.

פַארְגֶעס נִישְׁט פון די בַּאהַאלְטֶענֶע חָמֵץ וָואס לִיגְט טִיף טִיף בַּאהַאלְטְן אִין הַארְץ, אִין מֹחַ, די קַשְׁיוֹת און טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און אוֹיף צַדִיקִים. יֶעצְט בַּיים אוֹיסְרוֹימֶען די חָמֵץ, בַּיים כַּשֶׁר'ן, בַּיים גִיסְן די הֵייסֶע וַואסֶער – זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער כַּשֶׁר מַיין הַארְץ, כַּשֶׁר מַיין מֹחַ, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין מִיט טַעֲנוֹת אוֹיף דִיר, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ אַז דוּ מַאכְסְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, אַלֶעס אִיז גוּט, כָּל מַה דְעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד, אַלֶעס טוּסְטוּ נָאר פַאר גוּט, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל אַרוֹיסְנֶעמֶען די זוֹיעֶרְקֵייט פון מִיר, אִיךְ ווִיל שׁוֹין וֶוערְן עֶרְלִיךְ און פְרֵיילִיךְ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

### זָאג די תְּפִלָּה אַלֶע טֶעג פון חוֹדֶשׁ נִיסָן בִּיז פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יום ה' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט זָאגְן מִיר יום כִּיפּוּר קָטָן; וֶוען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ גֶעפַאלְט אוֹיס זוּנְטָאג פֶּעדֶערְט מֶען און מֶען זָאגְט יום כִּיפּוּר קָטָן דָאנֶערְשְׁטָאג, הַיינְט אִיז אַ טָאג וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה.

זָאג דִי תְּפִלָּה הַיינְט אוּן אוֹיךְ אַלֶע טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן, בִּיז יוֹם טוֹב פֶּסַח:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין מִיט פְרֵייד דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן, אוּן אִיךְ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען הִלְכוֹת פֶּסַח, צוּ וִויסְן אַלֶע הֲלָכוֹת אוֹיף יוֹם טוֹב, אַז אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דִי עֲבֵירָה פוּן חָמֵץ, אוּן אוֹיךְ זָאל אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דִי צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז חָמֵץ מֵיינְט מֶען אוֹיךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, דִי קַשְׁיוֹת אוּן תַּרְעוּמוֹת וָואס מֶען הָאט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעבְּן יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן אַסַאךְ צְדָקָה, אוּן אוֹיךְ זָאל אִיךְ אַרוּם גֵיין צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס דַארְפְן הִילְף אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, אוּן בִּזְכוּת וָואס אִיךְ גֶעבּ צְדָקָה אוּן אִיךְ נֶעם צַאם צְדָקָה - זָאל אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע קְרֶענְק, וּבִפְרַט פוּן חוֹלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט פַאלְן, נִישְׁט בְּגַשְׁמִיוּת אוּן נִישְׁט בְּרוּחָנִיוּת.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מְקַבֵּל זַיין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי אַלֶע מִצְוֹת מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוּן אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג בַּאשְׁטִימֶען אַ צַייט דִיךְ צוּ דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס דוּ מַאכְסְט מִיר שְׁטֶענְדִיג, אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## זֶע אַז פֶּסַח זָאל בְּלַייבְּן בַּיי דִי קִינְדֶער מִיט אַ גוּטֶע טַעַם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ה׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע עֶס זָאל זַיין גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטוּב בַּיים פֶּסַח מַאכְן, דָאס אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע פוּן אַלְצְדִינְג; נָאר אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוּן דַיינֶע דוֹרוֹת לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לִיבּ הָאבְּן דִי מִצְוֹת.

וֶוען דוּ טְרַאכְטְּסְט פוּן פֶּסַח וָואס וֶוערְט בַּיי דִיר - גוּט אָדֶער בִּיטֶער? עֶס זֶענֶען דָא בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זָאגְן מִיר, וֶוען זֵיי הֶערְן דָאס וָוארְט 'פֶּסַח' וֶוערְט זֵיי נִישְׁט גוּט, דָאס קוּמְט פוּן דִי חִינוּךְ וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען - דִירֶעקְט אוּן נִישְׁט דִירֶעקְט; אַז אִין שְׁטוּב אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן, מֶען שְׁרַייט, מֶען שְׁלָאגְט, מֶען פַארְשֶׁעמְט - וֶועלְן דִי קִינְדֶער זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן נִישְׁט וֶועלְן הֶערְן פוּן פֶּסַח אוּן פוּן זַיין אַ אִיד.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ ווִיסְן, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן וַוייטֶער דָא אַ גֶעפִיל בַּיי אוּנְזֶער חַבּוּרָה - זָאלְסְטוּ מִיךְ נִישְׁט נִיצְן פַאר דִי שְׁטֶעקְן צוּ זֵיי; אַ זַאךְ וָואס דוּ ווִילְסְט נִישְׁט גֶעבְּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ מִיךְ נִישְׁט מַאכְן פַאר דֶער שְׁלֶעכְטֶער. אַז דַיינֶע קִינְדֶער בֶּעטְן דִיר זֵיי ווִילְן אַ טֶעלֶעפָאן, אַ קָאמְפְּיוּטֶער, אַ בֵּייק, אַ קַאמֶערֶע, אַן עֶרָאפְּלַאן, אַ הֶעלִיקַאפְּטֶער, אַ מָאטֶער-סֵייקֶל - זָאג נִישְׁט: ״דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לָאזְט נִישְׁט״; וַוייל דַאן וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ פַיינְטְשַׁאפְט אוֹיף אוּנְזֶער פְּלַאץ, זֵיי וֶועלְן וַוארְטְן, וֶוען קֶענֶען מִיר שׁוֹין אַוֶועק לוֹיפְן פוּן דָא.

נֶעם דַיינֶע קִינְדֶער צוּם דַיָּין וֶוען דוּ גֵייסְט פַארְקוֹיפְן דִי חָמֵץ, קִינְדֶער דַארְפְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיטְן זֶען זֵייעֶר טַאטֶע גֵיין צוּם דַיָּין פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה, אוּן גֵייט צוּם דַיָּין פַארְקוֹיפְן דִי חָמֵץ.

בְּנוֹגֵעַ נִיצְן חָמֵץ'דִיגֶע כֵּלִים פַאר פֶּסַח; עַל פִּי הֲלָכָה מֶעג מֶען, מֶען דַארְף ווִיסְן יֶעדֶע זַאךְ ווִי אַזוֹי מֶען כַּשֶׁר'ט עֶס. אָבֶער הַיינְט אִיז בִּילִיגֶער אַ נֵייעֶ טָאפּ ווִי צָאלְן פַאר כַּשֶׁר'ן, אִיז זִיכֶער כְּדַאי זָאלְסְט זִיךְ אַיינְקוֹיפְן פֶּסַח כֵּלִים (מֶען קֶען אַיינְקוֹיפְן צוּבִּיסְלִיךְ, יֶעדֶע יָאר נָאךְ אַבִּיסְל). אוֹיךְ בַּאזוּנְדֶערֶע

טִישְׁטוּכֶער, בַּאזוּנְדֶערֶע הַאנְטוּכֶער, בַּאזוּנְדֶערֶע אָפְּוִוישְׁטִיכֶער, קִינְדֶער בָּאטִיס, קִינְדֶער צָאמִיס; מֶען לֵייגְט דָאס אַוֶועק פוּן יָאר צוּ יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דִי מִנְהָגִים פוּן שַׁבָּת עֶרֶב פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס יוֹם הוּלֶּדֶת. מִיר דַארְפְן זִיךְ בַּאנֵייעֶן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן נִישְׁט זַיין אַלְט, שְׁטֶענְדִיג זַיין נֵיי, פְרִישׁ. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶערוּמְט דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער צַדִּיק רֶבִּי זוּשָׁא אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר בִּרְצִיפוּת מִיטְן זֶעלְבְּן בְּרֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; דָאס אִיז אַ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, וַוייל בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הוֹיבְּט מֶען אָן מִיט אַ בְּרֶען אוּן נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען, מֶען קִילְט זִיךְ אָפּ; אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיטְן זֶעלְבְּן בְּרֶען פַאר צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר.

דִי זַאכְן, דִי מַדְרֵיגוֹת פוּן צַדִּיקִים - קֶענֶען מִיר אוֹיךְ בַּאקוּמֶען, דָאס אִיז דִי זַאךְ בַּיים רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט אוּנְז - פְּשׁוּטְ'עֶ פַארְגְרֶעבְּטֶע מֶענְטְשְׁן - צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן.

דִי יָאר גֶעפַאלְט עֶרֶב פֶּסַח - שַׁבָּת הַגָּדוֹל, זָאגְן מִיר דִי יוֹצְרוֹת פוּן שַׁבָּת הַגָּדוֹל שׁוֹין דִי וָואךְ שַׁבָּת; מֶען זָאגְט דִי יוֹצְרוֹת נָאךְ הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, נָאךְ קַדִּישׁ תִּתְקַבֵּל. אַזוֹי אוֹיךְ דִי דְּרָשַׁת שַׁבָּת הַגָּדוֹל - זָאגְט מֶען דִי וָואךְ שַׁבָּת.

דִי וָואךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת זָאגְט מֶען "וִיהִי נוֹעַם" אוּן "וְאַתָּה קָדוֹשׁ" אַזוֹי וִוי

אַלֶע וָואכְן, וִויבַּאלְד עֶס אִיז נָאךְ דָא אַ גַאנְצֶע וָואכֶעדִיגֶע וָואךְ, עֶרֶב שַׁבָּת אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין יוֹם טוֹב וַוייל שַׁבָּת אִיז עֶרֶב פֶּסַח. מֶען מַאכְט קִידוּשׁ לְבָנָה, אוֹיךְ עֶסְט מֶען מְלַוֶּה מַלְכָּה אַזוֹי וִוי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע וָואךְ.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת עֶרֶב פֶּסַח דַאוֶוענְט מֶען וָתִיקִין, וַוייל מֶען דַארְף נָאךְ קֶענֶען עֶסְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה פַאר סוֹף זְמַן אֲכִילַת חָמֵץ. מֶען צִיט נִישְׁט אוֹיס דָאס דַאוֶוענֶען, אוֹיךְ צִיט מֶען נִישְׁט אוֹיס קְרִיאַת הַתּוֹרָה. דִי הַפְטָרָה זָאגְט מֶען "וְעָרְבָה".

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ מֶען צֶעטֵיילְט דִי סְעוּדָה; עֶס זֶענֶען דָא וָואס פִירְן זִיךְ אוֹיךְ דִי יָאר וֶוען עֶרֶב פֶּסַח גֶעפַאלְט אִין שַׁבָּת - צוּ עֶסְן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, זֵיי צֶעטֵיילְן דִי סְעוּדָה אִינְדֶערְפְרִי. הֲגַם דֶער מְחַבֵּר פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תמד, סְעִיף א) אַז מֶען אִיז נִישְׁט יוֹצֵא דִי דְרִיטֶע סְעוּדָה נָאר נָאךְ מִנְחָה גְּדוֹלָה, אוּן אִין אַ יָאר וָואס עֶרֶב פֶּסַח גֶעפַאלְט אוּם שַׁבָּת קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט עֶסְן נָאכְמִיטָאג קַיין חָמֵץ, זָאגְט דֶער רְמָ"א מֶען זָאל עֶסְן פֵּירוֹת, דָאךְ זֶענֶען דָא שִׁיטוֹת וָואס זָאגְן אַז מֶען קֶען יָא יוֹצֵא זַיין דִי דְרִיטֶע סְעוּדָה אִינְדֶערְפְרִי, אַזוֹי פַּסְקְ'נְט דֶער מָגֵן אַבְרָהָם (שָׁם, סְעִיף קָטָן א).

מוֹהֲרַא"שׁ הָאט זִיךְ גֶעפִירְט צוּ מַאכְן דִי דְרִיטֶע סְעוּדָה מִיט פֵּירוֹת אוּן קוּגְל. מוֹהֲרַא"שׁ שְׁרַייבְּט: "וְזוֹ הַשַּׁבָּת הַיְחִידָה שֶׁאֵין אוֹכְלִין סְעוּדָה שְׁלִישִׁית", דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע שַׁבָּת וָואס מֶען עֶסְט נִישְׁט קַיין דְרִיטֶע סְעוּדָה שַׁבָּת, "אֶלָּא פֵּירוֹת אוֹ פַּשְׁטִידָא מִתַּפּוּחֵי אֲדָמָה", מֶען עֶסְט פְרוּכְט אוּן קַארְטָאפְל קוּגְל, "וְהוּא עַל פִּי זוֹהַר שֶׁאָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי שֶׁמִּיָּמָיו לֹא בִּטֵּל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית", דָאס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת אֱמוֹר, צה.), אַז רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי הָאט זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן גֶעגֶעסְן יֶעדֶע וָואךְ דְרֵיי סְעוּדַת שַׁבָּת, "אֶלָּא בְּעֶרֶב פֶּסַח שֶׁחָל לִהְיוֹת בְּשַׁבָּת", אוֹיסֶער וֶוען עֶס אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן עֶרֶב פֶּסַח אוּם שַׁבָּת, "שֶׁאָז לֹא נוֹטְלִים לֶחֶם מִשְׁנֶה כִּי אָסוּר לֶאֱכֹל חָמֵץ כְּבָר, שֶׁהוּא אַחַר הַזְּמַן וְאָסוּר לֶאֱכֹל מַצָּה קוֹדֶם לֵיל פֶּסַח", וָואס דֶעמָאלְט טָאר מֶען נִישְׁט עֶסְן קֵיין סְעוּדָה מִיט לֶחֶם מִשְׁנֶה; חָמֵץ טָאר מֶען נִישְׁט עֶסְן וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין נָאכְן זְמַן, אוּן מַצָּה טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט עֶסְן דֶעמָאלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

# זכות הפצה

**זכות בספר הקדוש הזה**

**נתנדב על ידי**

**מוה"ר שמואל שלמה וויינבערגער הי"ו**

**וזוגתו רבקה רחל תחי'**

**לזכות בנם הנולד להם למזל טוב**

**יה"ר שהוריה יזכו לגדלה ולהנכה לתורה, לחופה ולמעשים טובים, וירוו ממנה ומכל יוצא חלציהם רב נחת ותענוג דקדושה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון

# זכות הפצה

**זכות בספר הקדוש הזה**

**נתנדב על ידי**

מוה"ר **יעקב אברהם האלפערן** הי"ו

וזוגתו **בת-שבע** תחי'

**לזכות בנם הנולד להם למזל טוב**

**יה"ר שהוריה יזכו לגדלה ולחנכה לתורה, לחופה ולמעשים טובים, וירוו ממנה ומכל יוצא חלציהם רב נחת ותענוג דקדושה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון